## עכאָ

איך האָב געפרעגט
דעם בוים אין וואַלד:
וואו איז איצט
מיין מאַמע?

דער בוים
האָט אָפּגעקלונגען דעם קאָפּ.

איך האָב געפרעגט
דעם קאַלטן טייך:
וואו איז איצט
מיין מאַמע?

איז אים דער הימל
געפאַלן אויפן האַלדז
און געבעטן: דערצייל נישט,
דערצייל נישט.

כ'האָב אויפגעוועקט
פון שלאָף די פעלדער
און געפרעגט זיי:
וואו איז איצט
די מאַמע מיינע?

איין גרעזל האָט דאָס צווייטע
אָנגעקוקט פאַרזאָרגט — —

איך האָב געוואָרט.
זיי האָבן דערפילט
די זון איבער זיך
און פאַרגעסן, פאַרגעסן.

צווישן שוואַרץ־גרינע בערג
האָט אַ זקן שפּאַצירט —
מיט הימלען און גאָט
אין די אויגן;
מיט שטערן און נאַכט
אין די אויגן
האָט אַ זקן שפּאַצירט.

כ׳האָב געבעטן אים: זאָג מיר,
וואו איז מיין מאַמע?

כ׳האָב פאַרהאַלטן דעם אָטעם,
ווי די בערג אַרום אונדז,
און מיט אייביקן ערנסט,
פאַרקוקט צו דעם ווייסן
גאַנג פון די וואָלקנס,
ווי די בערג אַרום אונדז,
האָט דער אַלטער געזאָגט:
„זי פרעגט שטיל דעם טאָג,
און נאָך שטילער — די נאַכט:
וואו איז אַצינדער
מיין קינד?"